I Rok. Gazeta Żydowska Robotnicza. Organ partyi socyalno-demokratycznej. Nr. 18.

די אדרעסע פון דער רעדאקציע
און אדמיניסטראציע:
Jüdische Arbeiter Zeitung
Kraków,
Sławkowska 29.
טעלעפאן נומער 624
איינצעלנע נומער 8 העל.

# יודישע ארבייטער=צייטונג

ארגאן פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי.

ערשיינט יעדען פרייטאג.

אבאנעמענטס-פרייז:
יעהרליך: 4. קראנען.
האלביעהרליך: 2. קראנען.
פיערטעליעהרליך: 1. קראנע.

פרייז פון אנאנסען:
פיר יעדער שורה פעטיט אדער
איהר פלאטץ 10 העללער.

Kraków, piątek 4 sierpnia 1905. נומר 18. קראקוי, 4 אויגוסט 1905.

## גענאסען, פערשפרייט די „יודישע ארבייטער צייטונג“.

## אום וואס האנדעלט עס זיך?

שרייבענדיג פאָריגע וואָך וועגען 7־טען ציוניסטישען קאָנגרעס פאר'ן קאָנגרעס, האָבען מיר פאָר נעזעהען, אז דער קאָנגרעס וועט זיין א שטורמינער. מיר האָבען זיך אָבער ניט נעריכט, עס זאָל קומען צו נעשלעגע, עס זאָל מוזען אריינטרעטען די פּאָליציי, אז מען זאָל מוזען אוש ברייננען פייערלייט, כדי צו לעשען די היץ פון די אָנגעפּאהרענע ציוניסטען. זאָגאר די איצטיגע גרויסע היטצען זענען ניט אים שטאנד צו ערקלעהרען די ערשיינונג, שטיימס, צו איז דער חילוק צווישען די ציוניסטישע פראקציעס אזוי גרוים, אז עס האָבען ניט נענונט קיין רייד? אום וואָס האָנדעלט עס זיך, צו האָט עס געלוינט? ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מיר האלטען דעם גאנצען ציוניזמוס פאר א רעאקציאָנערע בעוועגונג, וועלכע קען גאר ניט אויפטהון, אָבער פיעל שטערען; ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מיר בעטראכטען דעם קאָנגרעס פאר א געוויסער אָרט דול־הויז, וואו עס נעהמען אנטהייל פערשיעדענע פעריקטע אויף דעם נאציאָנאליסטישען פונקט יודען; ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אין אונזערע אויגען איז דער ציוניזמוס פאר די יודען בכלל און די רוסישע יודען בפרט א „מכה אשר לא כתובה בתורה“ — אן'אומגליק, — ניט קוקענדיג אויף דעם אלעם, האלטען מיר פאר נויטהיג אָבצושטעלען זיך אויף די אויבענדערמאָהנטע פראגען ווייל אלערפאלס האָבען מיר צוטהון מיט א נעזעלשאפטליכע ערשיינונג — א נארמאלע צו אניאָנורמאלע — וועלכע האט פארלאזען טיפע וואָרצלען אין נעוויסע יודישע שיכטען און וועלכע איז דערווייל א פאקט.

אום וואָס האָנדעלט עס זיך? צוויי שטרעבונגען רייבען זיך מיט אנאנדער אויף'ן קאָנגרעס: די פּאלעסטינער און די טעריטאָריאליסטען. צו די לעצטע רעכענען מיר צו די אוגאנדיסטען אָדער די פּאָליטישע ציוניסטען, חאָטש זיי דעקלאמירען נאָך וועגען ציון, וועלכע זענען אָבער פאקטיש טעריטאָריאליסטען. די פּאלעסטינער ווילען נור פּאלעסטינא מיט די אומגעגענדען (זיי האָבען א גזילה'שען אפעטיט אויף די לענדער וואָס ליגען ארום דער זאָ גענאנטער „ארץ ישראל“); די טעריטאָריאליסטען בעגניגען זיך מיט וואָסער א לאנד עס איז, אבי די יודען זאָלען דאָרט האָבען אנ'אייגענע רעגירונג. עס האנדעלט זיך מיט איין וואָרט אום: „דאָס“ לאנד אָדער „א“ לאנד. אזוי איז עס אין דער טהעאָריע, אין דער ווירקליכקייט אָבער איז צווישען די צוויי פראקציען גאָר קיין חילוק ניט, ווייל ביידענס פּראָגראמען, ביידענס פּלאנען זענען לויטער פאנטאזיעס.

די ערשטע טענה'ען: נור פּאלעסטינא. אין דער אמת'ן אָבער איז פּאלעסטינא אונצוטרעטליך פאר יודען. פּאלעסטינא איז איין גרויסער בית עולם, יעדעס שטיקעל ערד קאָסט א רענדעל און ווייל עס איז א „היילינער“ בית עולם, א חשוב'ער, איז שוין די ערד לאנג צוחאפט, אויסגעקויפט. די טערקישע רעגירונג, מיט וועלכער הרצל האָט אונטערהאנדעלט לאנגע יאָהרען האָט אין פּאלעסטינא ניט קיין ערד. די גאנצע ערד געהער צו פּריוואטע בעזיטצער, צו קליינע ערד ארבייטער. זיי ווילען נור פּאלעסטינא האָטש דאָס לאנד איז — ווי יעבין האָט זיך אויסגעדריקט אין הזמן — שווערער צו בעקומען, ווי צו בעקומען לאָנדאָן אָדער פּאריז.

דער צווייטער צד ווידער וויל וואָס עס איז פאר ...
וויים, אז דאָס איז א פאנטאזיע ניט קיין לעכערליר...
ניט ווייל עס זאל זיין אונמעגליך צו ...
וויסטעניש, נור ווייל עס וועט זיין ...
יודישע פאָלק, איז ניט ...
איין „קול“: ער ווי...
וועלען ארבייטען ...
בעל־עגלה, עס ז...
און פויקען מיט ...
וויכען אוים פא...
אויסוויכען יעדע ...
ניט זיין.

איבער ...
ניט איבער לעב...
די גאנצע טרא...
ציוניסטישער ...
ווען א שלאָך ...
געקענט פיע...
שטיקעל רעל...

איצט ...
אויף, ווען קי...
פאר דעמאגאָ...
און זאָגאר צו ש...
קאָנגרעס ערנסטי...
מען רעדט ברמיזה ... האָט
נעמיינט דר. נורדוי, ... דארפען מיט־
קעמפפען אום די פר... א פארטיי וואָס רעכענט
אויף דיפּלאָמאטישע אונט... קען ניט קעמפפען געגען רעגירונגען.
עס איז פיעלייכט זיין ב...נג אלס מענש, אָבער אלס ציוניסט האָט ער געלאָגען. ניט ערנסט מיינען די אלע ציוניסטען זאָגענדיג און שרייבענדיג, אז ווען הרצל וואָלט געלעבט וואָלט אלעס נוט געווען. מיר האָבען נאָך ניט פערגעסען, וואָס די זעלבע ציוניסטען האָבען גערעדט און געשריעבען איבער הרצל'ען נאָכ'ן זעקסטען קאָנגרעס; מיר האָבען נאָך ניט פארגעסען, ווי די זעלבע פּאלעסטינער האָבען איהם פערמאכט די טיער פאר'ן נאָז, ווען ער האָט געוואָלט אריין געהען אין זייער קאָנפערענץ־זאאל, ווי זיי האָבען אויף איהם געשאָטען שוועביל און פעך אין זייערע רעדעס און פרעסע. ניט הרציל'ס טוידט איז אין דעם שולדיג, נור הערצילס באנקראָט.

פאלשקייט, פאלשקייט און פאלשקייט; אמביציע, אמביציע און אמביציע; דעמאגאָגיע, דעמאגאגיע און דעמאגאָגיע — אום דאָס האנדעלט זיך אויף דעם היינטיגען ציוניסטישען קאָנגרעס. און דעריבער איז די אָרט און וויזע פון די בעראטהונגס־פאָרמען א גאנץ פאסענדע.



## Zofia Biesiadecka

Oświęcim.



Przez Wysokie ck. Namiestnictwo koncesyon.

## Biuro PODRÓŻY Zofii Biesiadeckiej

Oświęcim (dworzec)

sprzedaje bilety okrętowe

**do Ameryki**

I., II. i III. klasy dla parostatków pospiesznych, oraz bilety kolejowe dla kolei północno-amerykańskich we wszystkich kierunkach.

**Ceny ściśle wedle taryf okrętowych i kolejowych**

**Bilety okrętowe do Kanady**

**i bilety kolejowe kanadyjskie.**

Prospekty darmo i opłatnie.



### Tajny memoryał kuratora warszawskiego Szwarca

w sprawach szkolnych

Cena 1 kor. Cena 1 kor.

### Strejk polityczny w Królestwie Polskiem

Cena 2 kor. Cena 2 kor.

Do nabycia we wszystkich księgarniach oraz administracyi „Naprzodu“ i „Przedświtu“ (Kraków, Grodzka 50). Zwracający się wprost do administracyi, nie ponoszą kosztów przesyłki.



## = F. MISSLER, BREMEN. =



## CESARSKIE PAROWCE

„Kaiser Wilhelm II.“ 215 metrów długi
„Kronprinz Wilhelm“ 202 metrów długi
„Kaiser Wilhelm der Grosse“ 198 metrów długi

**jadą z Bremy do Nowego Yorku 6 do 7 dni.**

Odjazd we wtorki.

Cesarskie parowce jadą tylko z **Bremy**, kto więc chce cesarskimi parowcami jechać, **może zupełnie swobodnie bez przeszkody podróżować**, nikt nie ma prawa zabronić mu tego. Każdy powinien już w domu postanowić w jakim kierunku jechać zamierza i nie powinien w drodze dać się namówić, lub odwieść od swego zamiaru.

**Każdy ma swoją wolną wolę i może za swoje pieniądze podróżować dokąd chce.**

W każdym jednak razie należy się zawczasu postarać o miejsce na statku, a dla zapewnienia tegoż należy wcześnie nadesłać na mój adres 20 koron zadatku.

**F. Missler, Bremen, Bahnhofstrasse 30.**



צו בעקומען אין אלע גרעסערע געשעפטען

## PARVEOL

!!

די ריינסטע

גוואראנטירטע

פפלאנצונגס

## פוטער

פארטרעט פאלשטענדיג דאס נאטירליכע פוטער.

נויטהיג אין יעדער יודישער קעך צום קאכען, פרעגלען און באקען.

אין דער פאבריק פון יאנ. זינגער אין ביעלסק (עסטרייכישע שלעזיען).

דער גענ. פערטרעטער פיר גאליציען און בוקאווינא:

**Simon Loria, Kraków, Sebastayna 20.**





## Do Ameryki!

jakoteż do innych zamorskich krajów przeprawia najtaniej powszechnie znana firma

## B. Karlsberg, Hamburg

Ferdinandstr. 15.

☞ **Nim kto szyfkartę kupi, niech porówna moje ceny z cenami agentów okrętowych.**



## Skład Piwa Karwinskiego

Jego Eksc. hr. Larisch-Mönnich'a

Kraków, ul. Poselska 15 — Telefon 431

poleca P. T. Publiczności swoje wyśmienite piwa

jako specyalność

**PIWO ZDROWOTNE**

à la Kulmbachskie

**(Granatbräu)**

**I PIWO CESARSKIE**

à la Pilzneńskie, beczkowe i butelkowe.

jako specyalność

Wysyłka do domu. — O liczne zamówienia uprzejmie uprasza

*Skład Piwa Karwińskiego*



Wydawca i odpowiedzialny redaktor Ignacy Gross.

Z drukarn Józefa Fischera w Krakowie

# אָרימקייט.

א קעלער, א נאַסער
אָהן לופט און אָהן ליכט,
פערשמוצינט, פערדומפפען,
מיט שפינוועב בעציערט —
און דאס רופט איהר וואוינונג
און דאס רופט איהר שטוב
אָה זאָגט מיר, וואס רופט איהר
דאן פינסטערע גרוב?

* * *

און דאָרט לעבען ברואים
אָהן שיך אויף די פיס;
די קליידער פון שמאַטעס —
א לאַטע, א ריס;
[illegible] דאָרט דער הונגער,
[illegible] אין [illegible]
און [illegible] דאס [illegible]
[illegible] דורך [illegible]

און [illegible] אימער [illegible] זיך
[illegible] אלטע פאַר פאלק
און אימער דארט שלאגט מען
די קינדער אָהן טאָלק...
און פרעסטען אוים טרעהרען
דער הונגער און רוט...
אויב דאס זענען טרעהרען,
וואָס הייסט ביי אייך בלוט?

* * *

דער מוח שלאָפט אייביג,
דאס הארץ צאפעלט קוים;
קיין האפנונג, קיין גלויבען,
קיין שטרעבען, קיין טרוים...
אזוי לעבען מענשען
אין הונגער אין קויט...
אויב דאס רופט איהר לעבען,
וואס הייסט ביי אייך טויט?!

ל. לאַנדוי.

# די פאלעסטינער קאלאניעס.

גאַנץ אָפט איז אונז פאָרגעקומען צו שרייבען וועגען די פאַלעסטינער קאָלאָניעס. איצט געבען מיר דעם לעזער אַ בעריכט אָהן אַ מינדעסטער טענדענץ און דער לעזער וועט זעהען וואס 25 יאָהר אַרבייט און קורח׳ס אוצרות געלד האָבען דערגרייכט. דער בעריכט איז געשריבען פון דעם ענגלישען קאָנסול פון ירושלים הערר דיקינסאָן, אַ קריסט וועלכער איז ניט פאַרן ציוניזמוס און ניט געגען איהם. מיר דרוקען עס נאָך דעם אמעריקאַנער „פאָרווערטס", וועלכער נעהמט עס אַרויס פון דעם קאָנסאָל׳ס בעריכט:

די ערשטע קאָלאָניע וועגען וועלכע דער קאָנסול רעדט איז „פתח תקוה". מיט דיעזער קאָלאָניע איז פערבונדען איינער פון די ריהרענסטע קאָפּיטלאך פון דער פאַלעסטינישער בעוועגונג. די קאָלאָניע געפינט זיך א מייל וועג צום צפון־מזרח זייט פון יפו. די ערשטע גרינדער איהרע זענען געוועזן יודען פון ירושלים און פון יפו וואָס האָבען זי אָפגעקויפט ביי די אַראַבער, וועלכע האָבען זי פערלאָזען צו ליעב דעם אונגעזונדען קלימאַט. אין 1882 אין דער צייט פון די פאָגראָמען אין זיד־רוסלאַנד, זענען אַהערצו געקומען רוסישע יודען, צווישען זיי אויך מעהרערע בעגייסטערטע סטודענטען (די בעריהמטע גרופע וואָס האָט געטראָגען דעם עהרען־נאָמען „בילו" — בית יעקב לכו ונלכה). דיזע ענטהוזיאַסטישע קאָלאָניסטען האָבען געליטען אָהן אויפהער, און ניט איינער פון זיי איז אומגעקומען אין דעם נאַטירליכען קאַמפף. זיי האָבען געלעבט אלס טאָג אַרבייטער אין אַ לאַנד וואו מען קען קיין אַרבייט ניט קריגען, און האָבען געמוזט אָנפיהרען שטענדיגע מלחמות דורך ביקסען און שווערדען מיט די ווילדע אַראַ־

# גענאסען, קלויבט אויפ׳ן פרעססאנד.

# פעליעטאָן.

## די גליקליכע צייט!

אדם איז שוין לאַנג פון גן־עדן פערטריעבען געוואָרען און חוה האָט געבען איין זומפף ערגיץ וועט געוואַשען, הבל׳ם בלוט האָט די ערד שוין לאַנג פער־שלינגען און קין האָט זיך ווי עס איז אויף דעם עולם התוהו ארומגעוואַלגערט.

אַלט איז שוין אדם און שוואַך, געבויגען אין דרייען פון יאָהרען און צרות, דער שטערן צוקנייטשט, די באַקען צוריגצעלט, די אויגען פארשלאָפען און דאָס בלוט קאַלט און פערגליווערט.

און חוה איז שוין אויך נישט דאָס וואָס ז׳ איז אמאָל געווען. א יודענע איז ז׳ איין אַלטע, א שוואַכע, קראַנק און געבראָכען, די אויגען בעצויבערן נישט מעהר מיט זייער בליק, די שעהייט פון די באַקען איז פערוויאַנעט, דער זיסער שמייכעל פערטריקענט אויף די ליפען, די צעהן געלב און פערפוילט.....

ווען עס גיט זיך נאָר א חאַפּ איין פייער׳ל אויף דעם פנים פון די צוויי אַלטע לייט אזוי פלאַקערט אויף די אַלטע ערינערונג אין יענע האַלב אויסגעקראָכענע אויגען, וואָס? חלומ׳ט זיך זיי פון די ווייטע צוקונפט?

ווער קען עס וויסען?

אויף די שוים ביי אדמ׳ן ליגט צוליינט דאָס אייניקעל זיינס, א לעבעדיג יונגעל מיט פייערדיגע איינעלעך, און מיט קינדישער שפאַנונג הערט ער אוים וואָס דער זיידע דערצעהלט איהם פון העט, העט, וואָס אמאָל איז געשעהען...

* * *

דאָס איז געווען, ווען דער לייב האָט נאָך נישט געוואוסט, אז ער האָט שאַרפע ציין, דער בער — אז ער האָט גרויסע גראָבע לאַפּעס, דער טיגער — אז זיינע געגעל זענען שאַרף און שפיציג, און די שלאַנג — אז איהר מויל איז פול מיט גיפט... די שאָף האָט איהר שוואַכהייט נישט געפיהלט, קעלבער פלעגען זיך מיט וועלפעלעך שפיעלען און יונגע קינדער האָבען פון שלאַנגען קרוינען געפלאָכטען; דאָס איז געווען דאַמאלס, ווען דער לייב איז נאָך ניט געקריינט געווען אַלס דער „קעניג פון וואַלד", דער אדלער איז נאָך ניט געווען דער „פויגעל־קעניג" און דער לויתן האָט נאָך נישט דעם ים בעהערשט...

אייזען און שטאָהל זענען נאָך נישט בעניצט געוואָרען, יעדען האָט זיין איי־גענע הויט געוואָרעמט, און מען האָט קיינע אינסטרומענטען נישט בעדאַרפט, דעם צווייטענס הויט אָבצושינדען, אום זיך פאַר קעלט צו שיצען... דער טעם פון יענעמס פלייש און בלוט איז אונבעקאַנט געווען, ווייל דער מענש, ווי דער וואָלף, ווי דער לייב, ווי דער הונט האָבען מיט גראָז און פפלאַנצען זייער הונגער גע־שטילט און מיט פריש וואַסער זייער דורשט געלאָשען... נאָט איז דאַמאלס אויף דעם „כסא הכבוד" געזעסען אין בלויען הימעל־געצעלט, און האָט די מלאכים גע־לערענט שירה זינגען פון די גוטע מענשען־קינדער...

אַלע פלאַנעטען, שטערען האָבען זיך פאַר איהם אין איין רינג געדרעהט, אויף יעדען פון זיי האָט ער אַכטונג געגעבען, נור די ערד אַליין איז רוהיג גע־שטאַנען, די גוטע מענשען האָבען קיין אויפזעהער נישט געדאַרפט, אָהן איהם זע־נען זיי אויך גוט און פרום געווען, מיט דעם טייוועל זענען די מענשען אין בע־



# Do Ameryki i Kanady!

przeprawia najtaniej i najlepiej pospiesznymi i pocztowymi, wprost bez żadnego przesiadania z okrętu na okręt:

Generalny agent

## M. G. Freudberg, ANTWERPIA 10. Van Leriusstraat (Belgia)

Odjazd do **Nowego Yorku** co sobotę; do **Kanady** co 10 dni. Wikt najlepszy, usługa staranna.

Niechaj nikt pierwej nie jedzie za morze, zanim od tej Agencyi nie otrzyma wyjaśnień i cennika, który wysyła się chętnie i darmo.

---



# די ביללינגסטע בעצוגסקוועללע

אין ױ טען אוהרען, גאָלד און זילבער, ביזשוטערי, אוהרען־בעשטאנד־טיילע און ווערקצייגע, ווי אייך מוזיק־אינסטרומענטע איזט ביי

## IGNATZ CYPRES, Krakau

FLORYANERGASSE 49.

איינע ניקעלטאשענאוהר מיט 36 שטיק פרימא ווערקע מיט אויפ־שריפט .סיסטעם ראָסקאָפף׳ מיט דרייאיעהריגער גאַראַנטיע זאמט שענער ניקעלקעטע און לעדערבייטעל פל. 1.95.

ביי אבנאהמע פון דריי שטיק פל. 5.50, זעכס שטיק פל. —.10.

רייך איללוסטרירטער פרייז־קוראַנט מיט 800 אבבילדונגען גראטיס און פראנקא.

אגענטען ווערדען געזוכט!

---

# Darmo i opłatnie otrzyma każdy mój bogato



illustrowany cennik

## Instrumentów muzycznych

oraz różnych zabawek

## A. Scheuer, Kraków

**ulica Grodzka L. 59/6.**

---

# גענאסען! העלפט די טלית מאכער אין קאלאמעא.

פון קאלאמעא בעקומען מיר דעם פאלגענדען אויפרוף!

גענאסען! מיר האבען אייך מיט אונזער עלענד בעקאנטגעמאכט און מיר האבען אייך איינען טהייל פון אונזערע צרות געשילדערט, מיר בעטין אייך נאָך איין מאהל, זאל אייך אונזערע לאגע אינטערעסירען; פערזאג־שטאלטעט איבעראל זאמלונגען און העלפט אונז אין אונזער נאטה.

געלדער זינד צו זענדען אַן אדרעסע:

Jozef Oster Kolomea Bezirkskrankenkasse

---

# די אידישע ארבייטער ביבליאטעק

פון

## דער פוילישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי.

| | | |
|---|---|---|
| גן־עדן התחתון. פרייז: | 2 | העלער. |
| קאוטסקי. די אונאַבהענגיקייט פון פוילען. פרייז: | 10 | „ |
| פייגענבוים. ווי קומט אַ יוד צו סאָצ.? פרייז: | 20 | „ |
| א. ווראנסקי. די אידען אין פוילען. פרייז: | 10 | „ |
| ש. דיקשטיין. פון וואָס איינער לעבט. פרייז: | 20 | „ |
| וואָס יעדער אַרבייטער דאַרף וויסען און געדענקען. | 30 | „ |
| ליעבקנעכט. די וואַהרהייט איבער דעם סאָצ. | 30 | „ |
| די ארבייטער רעוואָלוציאָן. פרייז: | 15 | „ |
| א. דעמבסקי. סטאַניסלאַוו קוניצקי. פרייז: | 10 | „ |
| מ. מיכלזאָהן. הערשעל דער שניידער. פרייז: | 10 | „ |
| לאטאַרניק. יאַראָסלאַוו דאָמבראָווסקי. פרייז: | 10 | „ |
| שפיאָן. פרייז: | 15 | „ |
| לאטאַרניק. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן. | 20 | „ |
| ב. א. י. לורוויג וואַרינסקי. פרייז: | 20 | „ |
| אמעריקאנער. פיל יפינא פלאַסקאָוויצקא. פרייז: | 10 | „ |
| ארבייטער געדיכטע. פרייז: | 30 | „ |
| ב. א. י. אוגוסט בלאַצקי: פרייז: | 10 | „ |
| א קלאָרער ענטפער (ביילאגע צום 8־טען נומער „אַרבייטער"). פרייז: | 15 | „ |
| די ארבייטער סאָלידאַריטעט און דער קאמפף אום דאזיין. פרייז: | 10 | „ |
| פערדינאנד לאסאַל. פרייז: | 15 | „ |
| מ. מיכלזאהן. טאדעאוש קאשציושקא. פרייז | 20 | „ |
| ב. פייגענבוים. דער רעכטער וועג. א ויכוח וועגען די פוילישע סאציאליסטיש פארטיי און איהרע פאָדערונגען, אין צוויי טהיילען. פרייז: | 80 | „ |

די אלע בראשורען ווי אויך אלע פוילישע אויסגאַבען פון פ. פ. ס. זיינען צו בעקומען אין דער אדמיניסטראציאָן פון ,פשעדשוויט׳ Kraków, Grodzka 50.

---

# Ostrzeżenie!

**przed bezwartościowemi naśladownictwami!**

# KUNEROL

z poręczen. najczyściejszy tłuszcz roślinny z orzechów kokosowych zawierający 100% tłuszczu. — Żądać „KUNEROLU" w każdym lepszym handlu spożywczym. Do miejscowości, gdzie niema „KUNEROLU" wysyłamy na próbę około 5 kilogr. brutto po cenie Kor. 6·50 opłatnie do każdej stacyi poczt austr. węg. za zaliczką. — Dla hurtowników specyalne ceny. Broszurki i świadectwa lekarzy darmo.

**Najstarsza i największa fabryka tłuszczu roślinnego w monarchii**

## Emanuel Khuner & Sohn

Wien, XIV 2.

